# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן**
**ביים דאווענען**

גליון ב׳

## הבן עם הבת - לקל ירצו

ביי אונז אין בית המדרש זענען דא עטליכע אינגעלייט וועלכע האבן לעצטנס אנגעהויבן מעורר זיין דעם עולם יעדן שבת וועגן דעם הארבן ענין פון רעדן ביים דאווענען און ביים לייענען. זייער ארבעט האט ב"ה אסאך אויפגעטון און דאס שמועסן אין בית המדרש האט זיך היפש אפגעשטעלט. איך מוז זיך מודה זיין אז אויף מיר און מיינע חברים האט עס נישט געהאט קיין ווירקונג.

זיצנדיג זעקס-זיבן חברים צוזאמען אויף איין טיש, איז דער אפעטיט ביי אונז צו שמועסן געווען גאר שטארק, און וויפיל מען האט פרובירט אונז מעורר צו זיין האט עס נישט געהאט קיין ערפאלג.

אין שבת, ווען מיר זענען געזעסן אזוי און געשמועסט, איז אויפגעקומען די טעמע פון צוויי חברים אין אונזער בית המדרש וועלכע האבן נאכנישט קיין קינדער שוין א פאר יאר נאך זייער חתונה. האט זיך איינער פון אונז אנגערופן: נו, אפשר וואלט טאקע געווען א גוטער געדאנק, אז מיר זאלן צוזאמען זוכן עפעס א זכות פאר די חברים, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן אין א גוטער שעה?

האט איינער פון די מיטשמועסער פארגעשלאגן, אז מיר זאלן אויפהערן שמועסן ביים דאווענען און לייענען, און דאס וועט אפשר זיין א זכות פאר די צוויי אינגעלייט אז זיי זאלן שוין בקרוב געהאלפן ווערן.

דעם אינגערמאנ׳ס ווערטער האבן עושה רושם געווען, און מיר האבן נישט געקענט אפווארפן זיינע אויפריכטיגע רייד. פון יענעם שבת און ווייטער האט זיך דאס שמועסן ביי אונזער טיש אויפגעהערט לזכות פון די אינגעלייט וועלכע דארפן האבן א ישועה און זוכה זיין צו זרע של קיימא.

ניין חדשים שפעטער האט איינער פון די צוויי חברים געפראוועט דעם ברית פאר זיין ניי-געבוירן אינגעלע ביי אונז אין בית המדרש, און צוויי וואכן שפעטער האט אויך דער צווייטער חבר געטון דאס זעלבע. די שמחה איז געווען זייער גרויס, און מיר אלע האבן געפילט אז עס איז אונזער׳ס א שמחה נאכדעם וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען א קבלה אין זייער זכות. זאל דער רבוש"ע העלפן אז אלע אידישע קינדער זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט רפואות און ישועות ונזכה לראות ולשמוח בישועתן ושמחתן של ישראל.

## כל עיר על תלה בנויה

איך וויל צו דעם צולייגן א מורא׳דיגע מעשה וואס איך האב אמאל געהערט פון א חשוב׳ן מגיד איבער דעם ענין פון כבוד בית המדרש. אין איינער פון די שטעט אין רוסלאנד, האט די אידישע קהילה ערהאלטן א מודעה פון די קאמאנדירן פון רוסישן מיליטער, אז אין די קומענדיגע טעג וועט אנקומען א גרופע פון סאלדאטן אין שטאט וואס וועט זיך אויפהאלטן דארט א לענגערע צייט, און היות עס ווערט געזוכט א פאסיגע קווארטיר וואו די סאלדאטן זאלן קענען עסן, טרינקען און שלאפן, און די אידישע שוהל איז די גרעסטע געביידע אין שטאט, האט דאס מיליטער אויסגעקליבן די שוהל פאר דעם צוועק און די שטאטסלייט ווערן אויפגעפאדערט אויסצולויידיגן די שוהל אז דאס מיליטער זאל זיך קענען דארט קווארטירן.

די פאראורדענונג האט זיך אראפגעלאזט ווי א ביטערע גזירה אויף די אידן פון שטאט, ווייל דאס האט באדייט אז אין דער גאנצער צייט וואס דאס מיליטער וועט זיך דארט אויפהאלטן וועלן אידן נישט קענען גיין אין בית המדרש דאווענען און לערנען, און אויסער דעם וועלן די סאלדאטן זיך נישט אויפפירן דארט מיט׳ן פאסיגן כבוד פאר א שוהל און זיי וועלן דארט איבערלאזן א חורבן.

האט דער רב פון שטאט באלד פאררופן אן אסיפה פון די גדולי וטובי העיר צו זען אויב עס איז מעגליך צו טון עפעס מבטל צו זיין די גזירה. זיצנדיג ביי דער אסיפה, האט דער ראש הקהל ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז אין אמת׳ן אריין איז נישטא וואס צו טון דערקעגן, ווייל דאס מיליטער האט די אויסשליסליכע מאכט און עס איז נישטא ווער עס זאל זיי אפהאלטן פון טון וואס זיי באשליסן.

פונדעסטוועגן - האט דער ראש הקהל צוגעגעבן - איז די פראבלעם אייגנטליך נישט אזא גרויסע, ווייל די מיליטערישע קאמאנדירן האבן געזען דאס בית המדרש בלויז פונדרויסן, אבער זיי ווייסן נישט ווי אזוי עס זעט אויס פון אינעווייניג, אז עס רעגנט אריין, די פענסטער זענען צעבראכן, די ווענט זענען פארפוילט, און עס איז דארט קאלט און אומאנגענעם. דער צושטאנד פון דעם בית המדרש איז פאקטיש שוואכער ווי אלע אנדערע גרויסע געביידעס פון שטאט. דעריבער איז נישטא וואס צו זארגן, ווייל ווי-נאר זיי וועלן אנקומען און אריינטרעטן אין שוהל, וועלן זיי באלד פון דארט אנטלויפן און אזוי וועלן די אידן ווייטער קענען דאווענען און לערנען אין בית המדרש.

ווען דער רב האט דאס געהערט האט ער געזאגט אז יעצט פארשטייט ער שוין פארוואס די שטאט איז באטראפן געווארן פון אזא ביטערער גזירה, ווייל פון הימל האט געזען אז מען איז נישט מכבד דאס בית המדרש און אין דער צייט וואס אלע בניינים זענען שיין און גוט געבויט און אלע שטאטסלייט וואוינען זיך אין באקוועמע און פרעכטיגע הייזער, איז נאר דאס בית המדרש, דאס פלאץ וואו אידן קומען זיך צוזאמען צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן, זיך אויסבעטן אלעס גוטס און לערנען, אזוי פארלאזט און מען גיט עס נישט אפ דעם ריכטיגן כבוד.

דאס ווייזט אז דאס בית המדרש, דאס בית אלקים, איז נישט אזוי טייער און באליבט ביי די שטאטסלייט, און אויב אזוי קען מען דאך עס ביי זיי צונעמען.

דעריבער - האט דער רב אויסגעפירט - אויב דאס איז די סיבה פארוואס עס איז געקומען אויף זיי די גזירה - איז די עצה עס מבטל צו זיין דורך דעם וואס מען וועט דווקא יעצט שנעל פאררעכטן דאס גאנצע בית המדרש אז עס זאל זיין כאטש אזוי שיין ווי אלע אנדערע הייזער און געביידעס פון שטאט, און אזוי וועט מען פון הימל מבטל זיין דעם גזר דין זעענדיג אז מען איז מכבד דאס בית המדרש.

מען האט טאקע אזוי געטון און שנעל פארראכטן דאס בית המדרש, און עטליכע טעג שפעטער איז געקומען א פרישע מודעה פון דעם מיליטער אז די פלענער האבן זיך געטוישט וויבאלד מען האט געטראפן אן אנדער פלאץ וואס איז מער צוגעפאסט אלס קווארטיר פאר די סאלדאטן.

*

די מעשה האט פאר אונז א געוואלדיגע מוסר השכל.

מיר אלע ווייסן דאך אז קדושת בית המדרש איז גאר הויך, ווי חז"ל לערנען אונז אויף פיל פלעצער, און דאס בעסטע פלאץ אויסצו'פועל'ן אלץ וואס מיר דארפן, בני חיי ומזוני, איז בין כותלי בית המדרש, ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך, אז אפילו ווען איינער דאוונט ביחידות זאל ער דאוונען אין בית המדרש.

עס איז אבער דא נאך א נקודה וואס איז וויכטיג פאר אונז צו געדענקען, און דאס איז אז די קדושה און כח פון א בית המדרש ווענדט זיך אין דעם, וויפיל די מתפללים און אנשי העיר זענען איר מכבד. "ועשו לי מקדש" - לויט וויפיל אידן מאכן דעם פלאץ פאר א הייליגן מקום און גיבן איר אפ דעם כבוד ווי עס פאסט זיך, אזויפיל איז דער "ושכנתי בתוכם", די השראת השכינה אין דעם פלאץ, ווייל די שכינה הקדושה, כביכול, פילט זיך באקוועם צו וואוינען דארט וואו מען איז איר מכבד. און וואו עס איז דא א גרעסערע השראת השכינה קען מען מער פועל'ן.

הנוגע לנו, אז ווען מען קומט זיך צוזאמען אין בית המדרש יעדן טאג דאוונען און אויסבעטן אלע השפעות טובות, בני חיי ומזוני, . מיר אלע ווילן דאך געבענטשט ווערן מיט אלעם גוטן, איז לאמיר געדענקען אפצוגעבן דעם ריכטיגן כבוד פאר דער שכינה הקדושה און נישט מזלזל זיין אינעם בית מקדש מעט דורכ'ן ארומשמועסן ביים דאוונען, קדיש, קריאת התורה אפילו בין גברא לגברא, און אין דעם זכות וועלן אונזערע תפלות עושה רושם זיין און מיר אלע וועלן בעז"ה פיל מרוויח זיין און געהאלפן ווערן יעדער מיט אלעם וואס ער דארף, ישועות ונחמות און השפעות טובות בכלל ובפרט.

(הליכות החיים - גליון רכ"ב)


בס"ד




ביי די תפילות פון שבת, ווי נאר מען קומט דאווענען, טאר מען נישט עוסק זיין אפילו מיט צרכי בית הכנסת, נאר מיט דברי תשבחות, און תפלה און תורה.

און ווער עס איז באשעפטיגט מיט אנדערע זאכן און מיט וועלטליכע זאכן (בשעת'ן דאווענען) דער איז א מענטש וואס איז מחלל שבת! ער האט נישט קיין חלק אינעם אידישן פאלק! און צוויי מלאכים זענען געשטעלט אויף דעם אינעם טאג פון שבת און זיי לייגן די הענט אויף זיין קאפ און זאגן "ווי פאר איהם אז ער האט נישט קיין חלק אין הקב"ה!"

(זוה"ק פרשת ויקהל ר"ח:)

ומקדשי תירלו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com